**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL (האקול) מעלדט פולע קאנטראל איבער דזשענינגס קריק וואלדפייער אין סטערלינג וואלד סטעיט פארק**

***מולטי-אגענטור ריאגירונג ברענגט צו 100 פראצענט קאנטראל פון ניו יארק'ס גרעסטע וואלדפייער זייט 2008***

***זייט נאוועמבער 10, האבן 427 פייער פירמעס — כמעט אלע פון זיי וואלענטירן — געשיקט איבער 1,300 פייערלעשערס און געצייג צו העלפן***

גאווערנער Hochul (האקול) האט היינט געמאלדן אז נאך 14 טעג, איז די דזשענינגס קריק\סטערלינג וואלד סטעיט פארק וואלדפייער אויף די ניו יארקער גרעניץ גענצליך אינטער קאנטראל. די סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג וואלדוועכטער (State Department of Environmental Conservation Forest Rangers) פירט אן די ריאגירונג צום פארסירונג מיטן קאאפעראציע פון די אפיס פון פארקס, אונטערהאלטונג און היסטארישע אנהאלטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation), אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services), ניו יארק סטעיט פאליציי, אראנדזש קאונטי, ניו יארק ארמיי נאציאנאלע גאורד (New York Army National Guard) און אסאך אנדערע סטעיט און לאקאלע פארטנערס אין צוגאב פון ווילדערניש פייערלעשער פון ניו דזשורסי וואלד פייער סערוויס (New Jersey Forest Fire Service), קאלאראדא און מאנטאנא. ריאגירונג שריט אין די געגנט וועט ווייטער אנגיין און די קומעדיגע טעג מיט א קלענערע קראפט פון סטעיט און לאקאלע עקספערטן אזוי ווי ענדגילטיגע פייער קאנטראל באמיאונגען זעצן פאר.

"פאר צוויי וואכן, האבן פייערלעשער מאנשאפט און שטאב פון איבער די סטעיט ריאגירט צו באקעמפן די דזשענינגס קריק וואלדפייער און היינט האבן זיי עררייכט פולע קאנטראל איבערן פייער," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "פונעם אנהויב, האבן אונז אנגעהויבן א קאארדאנירטע ריאגירונג מיט יעדע אוועילעבל ריסורס צו העלפן אונזער ערשטע רעספאנדערס צוענדיגן די מיסיע, און מיר וואלטן דאס נישט געקענט טוען אן די פראפעסיאנאלע און וואלונטיר מאנשאפט וואס האבן געארבעט צוזאמען מיט אונזער פארטנערס אין ניו דזשורסי, און מאנשאפט פון קאלאראדא און מאנטאנא. איך דאנק זיי אלע פאר זייער שווערע ארבעט, פארברענגענדיג צייט אוועק פון זייערע פאמיליעס און ארבעטנדיג יעדן טאג אן אויפהער צו האלטן ניו יארקער פארזיכערט."

אלס טייל פונעם ריאגירונג, האט די גאווערנער ארויסגעשיקט נאך סטעיט הילפסמיטלען אריינגערעכנט פערסאנעל און ארמיי נאציאנאלע גאורד בלעק האוק און טשינוק העליקאפטערס, וויאזוי אויך סטעיט פאליציי האואי העליקאפטערס. צוזאמען, האבן די העליקאפטערס אראפגעלאזט איבער 500,000 גאלאנען פון וואסער אויפן פייער דורכאויס א וואך צייט. די סטעיט האט אויך ארויסגעשיקט באלדאוזערס מיט באלדאוזער אפערירער און אנדערע פראפעסיאנאלע שטאב און וואלונטירן צו ברענגן די פייער

אינטער קאנטראל. זייט נאוועמבער 10, האבן 427 פייער פירמעס — כמעט אלע פון זיי וואלענטירן — געשיקט איבער 1,300 פייערלעשערס און געצייג צו העלפן. ריאגירער האבן אטאקירט די פייער פון די ערד און אין די לופט. די נאכאנאנדע רעגן און שניי אין די לעצטע צוויי טעג האט געברענגט גאר וויכטיגע פייכטקייט צו די געגנט, דינענדיג אלס א צודעקונג צו נידערן די ערד טעמפעראטור און אראפקלאפן די פייער.

ביז יעצט, האט די פייער פארברענט 5,304 אקער לענגאויס ניו יארק און ניו דזשורסי זייט נאוועמבער 8. די פייער איז 100 פראצענט אינטער קאנטראל. אלס רעזולטאט, האבן די סטעיט'ס אינצידענט מענעדזשמענט טיעם (Incident Management Team), צוזאמען מיט וואלונטיר מאנשאפט אויפגעהערט זייער ארבעט. געוויסע טיילן פון פייער קענען פארבלייבן אינערהאלב די טיפערע באוואקסענע טיילן פונעם פארק און קוואליפיצירטע פייער מאנשאפט פון DEC, פארקס וואלד וואכטער און מאנטאנא וועלן ווייטער באוואכטן די געגנט דורכאויס די רעגן און שניי סוף פונעם וואך, און פארזעצן מיט קלענערע אפעראציעס ווען נויטיג ביז די פייער איז גענצליך פארלאשן.

כאטש אז לעצטיגע רעגן האט געהאלפן פארבעסערן טרוקענע אומשטענדן אין אסאך טיילן פונעם סטעיט, האט ניו יארק נאך אלס א ברען פארבאט לענגאויס די סטעיט וואס איז אין קראפט ביז נאוועמבער 30 צוליב פארגרעסערטע פייער ריזיקע. די ברען-פארבאט טוט פארבאטן אנצוצינדן דרויסנדיגע פייערן לענגאויס די סטעיט פאר צוועקן פון אוועקנעמען בלעטער הויפנס און ברוכווארג, ווי אזוי אויך נישט איינגעהאלטענע קעמפ-פייערן, און אפענע פייערן געניצט צו קאכן. פייער פיטס אין די הויף און ארומגענומענע קעמפ פייערן ווייניגער פון דריי פיס אין די הייעך און פיר פיס אין די לענג, ברייט אדער דיאמעטער זענען ערלויבט, און אזוי אויך קליינע ארומגענומענע קאכן פייערן. פארברענען מיסט אדער בלעטלעך איז פארבאטן א גאנץ יאר אין ניו יארק סטעיט, און עטליכע מיוניציפאלן האבן ברען פארבאטן יעצט אין קראפט.

סטערלינג וואלד סטעיט פארק וועט זיך צוריקעפענען פאר שפאצירן און פאנגען אין עפעקט שבת מזרח פון Long Meadow Road און צפון פון ראוט A17. טרעילס אינערהאלב די פייער זאנע וועלן בלייבן פארמאכט פאר א אומבאגרעניצטע צייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן